בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת אמור תשפ"ה

גליון 793 [שנה י"ז]

**שיינע ביאור פארוואס שטייט נאר דַבֵּר אֶל אהרן?**

דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן לֵאמֹר אִישׁ מִזַּרְעֲךָ לְדֹרֹתָם אֲשֶׁר יִהְיֶה בוֹ מוּם לֹא יִקְרַב: (כא יז) פרעגט דער רמב"ן פארוואס שטייט דא נאר דַּבֵּר אֶל "אַהֲרֹן", און ווייטער (כב ב) שטייט דַּבֵּר אֶל "אַהֲרֹן וְאֶל בָּנָיו" וְיִנָּזְרוּ מִקָּדְשֵׁי בְנֵי יִשְׂרָאֵל? און אויך צַו אֶת "אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו" לֵאמֹר זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה (ויקרא ו ב) און דַּבֵּר אֶל "אַהֲרֹן וְאֶל בָּנָיו" לֵאמֹר זֹאת תּוֹרַת הַחַטָּאת (שם יח) נאר פשט איז ווייל ווען דער אויבערשטער באפוילט די דינים פון קרבנות זענען אַהֲרֹן וּבָנָיו ביידע גלייך שטייט ביידע, אבער דא ווען מען רעדט וועגן א מום, און אויב עס וואלט געשטאנען דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן וְאֶל בָּנָיו, וואלט געדארפט שטיין אִישׁ "מִכֶּם" לְדֹרֹתָם אֲשֶׁר יִהְיֶה בוֹ מוּם, און נישט אִישׁ מִזַּרְעֲךָ, און דאס וואלט געמיינט אז אהרן הכהן איז נכלל אין תורת המום, אבער ביי אהרן שטייט לְאַהֲרֹן קְדוֹשׁ ה' (תהלים קו טז) און כֻּלָּךְ יָפָה רַעְיָתִי וּמוּם אֵין בָּךְ (שיר השירים ד ז), דעריבער שטייט דַּבֵּר אֶל "אַהֲרֹן", אז ער זאל מזהיר זיין "אִישׁ מִזַּרְעֲךָ" לְדֹרֹתָם אֲשֶׁר יִהְיֶה בוֹ מוּם, פאר זיי קען ווערן א מום, און מיט א מום טאר מען נישט מקריב זיין, לפי"ז איז גוט וואס שטייט שפעטער (כב ב) דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן וְאֶל בָּנָיו וְיִנָּזְרוּ וואס רעדט וועגן טומאה, איז מעגלאך אז אהרן זאל ווערן א מת טמא אדער א שרץ, שטייט אויך אהרן, משא"כ גלייך נאכדעם (פסוק ד) אִישׁ אִישׁ מִזֶּרַע אַהֲרֹן וְהוּא צָרוּעַ אוֹ זָב בַּקֳּדָשִׁים לֹא יֹאכַל, וואס מען רעדט פון צרעת אדער טומאת הגוף, שטייט מִזֶּרַע אַהֲרֹן, ווייל אַהֲרֹן קְדוֹשׁ ה' האט מען געהיטן פון טומאת הגוף, אזוי שטייט אין תורת כהנים (פרשה ג ה), משא"כ די קינדער זענען נישט געווען אין די מדריגה, דארף מען נאר מזהיר זיין מִזֶּרַע אַהֲרֹן. (רמב"ן עה"ת)

**צוויי חלקים אין עדות פון קידוש החודש**

מוֹעֲדֵי ה' אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ אֵלֶּה הֵם מוֹעֲדָי: (כג ב) שטייט גלייך נאך די מצוה פון שַׁבָּת – וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת, און אין פר' ויקהל (ל"ה ב) זאגט רש"י פארוואס שטייט קודם די מצוה פון שַׁבָּת און נאכדעם די מצוה פון משכן, צו לאזן הערן אז בויען די משכן איז נישט דוחה שבת, און דער טעם איז ווייל דער כלל איז, אז דער דין וואס שטייט ערשט, שטופט אוועק די שפעטערדיגע, ממילא מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ איז די מצוה פון קידוש החודש און מאכן יו"ט, איז ביי דעם איז קומען עדות דוחה שַׁבָּת, אויב אזוי איז שווער אז אין פסוק ג' שטייט וועגן שַׁבָּת און אין פסוק ד' שטייט אֵלֶּה מוֹעֲדֵי ה' מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם בְּמוֹעֲדָם. און דאס איז אויך די מצוה פון קידוש החודש און יו"ט, אויב אזוי איז א סתירה, ווייל יעצט איז משמע אז שבת וואס שטייט פריערט איז דוחה די מצוה פון קידוש החודש וואס שטייט שפעטער? נאר דער תירוץ איז אז עס זענען דא צוויי מצוות ביי קידוש החודש, איינס אז די עדות זאלן קומען זאגן ווען איז ר"ח, אויף דעם זענען זיי דוחה שבת און קענען מחלל שַׁבָּת זיין און קומען זאגן עדות, אבער עס איז דא אויך אז די עדות נאכן קידוש החודש דארפן גיין מודיע זיין ווען איז געווען ר"ח, און אויף דעם שטייט פריערט שַׁבָּת און זיי מעגן נישט מחלל שַׁבָּת זיין. (כלי יקר)

**ביאור: דער חילוק מומין ביי בני אהרן און כלל ישראל**

דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן לֵאמֹר אִישׁ מִזַּרְעֲךָ לְדֹרֹתָם אֲשֶׁר יִהְיֶה בוֹ מוּם לֹא יִקְרַב לְהַקְרִיב לֶחֶם אֱלֹקָיו: כִּי כָל אִישׁ אֲשֶׁר בּוֹ מוּם לֹא יִקְרָב: (כא יז–יח) עס זענען דא עטליכע דיוקים אין די פסוקים: ערשטנס פרעגן די ראשונים פארוואס שטייט אין (פסוק יז) אֲשֶׁר יִהְיֶה בוֹ מוּם א לשון עתיד, און אין (פסוק יח) שטייט אֲשֶׁר בּוֹ מוּם א לשון הוה, יעצט וועט זיין? נאך א דיוק פארוואס שטייט צוויי מאל דער ציווי פון בּוֹ מוּם לֹא יִקְרָב? נאך א דיוק דאס וואס שטייט (פסוק יח) "כִּי כָל אִישׁ" אֲשֶׁר בּוֹ מוּם, וואס דאס איז משמע אז עס איז א טעם אויף פריערט פארוואס א בעל מום מעג נישט מקריב זיין, וואס דאס איז נישט קיין טעם? נאר עס שטייט אין (מכילתא) ביי מתן תורה האט מען אויסגעהיילט אלע בעלי מומין, שטייט אבער אין מדרש אז נאכן חטא העגל איז צוריק געקומען די מומין, קומט אויס אז שבט לוי וואס האבן נישט געדינט דעם עגל, זענען געבליבן אויסגעהיילט און נישט געהאט קיין מום, דעריבער איז גוט ביי אִישׁ מִזַּרְעֲךָ שטייט אֲשֶׁר יִהְיֶה בוֹ מוּם א לשון עתיד, אויב זיי באקומען שפעטער א מום, ווייל ביז יעצט זענען זיי געווארן אויסגעהיילט, אבער ביי כָל אִישׁ, שטייט אֲשֶׁר בּוֹ מוּם, ווייל זיי האבן געקענט האבן יעצט א מום, איז שוין גוט וואס שטייט צוויי מאל בּוֹ מוּם לֹא יִקְרָב, און יעצט איז גוט דער כִּי כָל אִישׁ, ווייל דאס איז א טעם פארוואס ביי אִישׁ מִזַּרְעֲךָ איז א לשון עתיד, ווייל נאר כִּי כָל אִישׁ איז געווען שייך אז אֲשֶׁר בּוֹ מוּם, יעצט. (אמרי שפר הגאון רבי שלמה קלוגער)

**דריי מאל שטייט זכרון**

זִכְרוֹן תְּרוּעָה מִקְרָא קֹדֶשׁ: (כג כד) אֵין זִכְרוֹן לָרִאשֹׁנִים וְגַם לָאַחֲרֹנִים: (קהלת א יא) כִּי אֵין זִכְרוֹן לֶחָכָם עִם הַכְּסִיל: (קהלת ב טז) שטייט דריי מאל דער ווארט זִכְרוֹן אין תנ"ך קען מען מקשר זיין אלע דריי, ווייל זִכְרוֹן תְּרוּעָה מיינט ער געדענקט צו תשובה טאהן, ווייל תְּרוּעָה מיינט מיט א צובראכנקייט אין הארץ, דעמאלט איז אֵין זִכְרוֹן לָרִאשֹׁנִים, פאלן אוועק די פריערדיגע טעג וואס מען האט געזינדיגט, און כִּי אֵין זִכְרוֹן לֶחָכָם עִם הַכְּסִיל, דער חָכָם מיינט דער יצר טוב, און כְּסִיל מיינט דער מלך זקן וכסיל, דער יצר הרע, אז עס וועט זיין גרינגער פארן יצר הטוב צו מתגבר זיין אויפן יצר הרע. (הנותן אמרי שפר לאהנצוהט)

**ד' מינים איז כנגד די ד' בנים**

וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן פְּרִי עֵץ הָדָר כַּפֹּת תְּמָרִים וַעֲנַף עֵץ עָבֹת וְעַרְבֵי נָחַל: (כג מ) מען זאגט אין די הגדה **כנגד ארבעה בנים דברה תורה**, קען זיין אז די ד' מינים פון סוכות זענען מרומז כנגד די ד' בנים, דאס הייסט דער אתרוג וואס איז פְּרִי עֵץ הָדָר, נעמט מען כנגד דער חכם וואס איז א הָדָר, דער ערבה וואס האט נישט קיין טעם און קיין ריח איז כנגד די רשע וואס האט אין זיך נישט קיין תורה, און כנגד דער תַּם איז מרומז די לולב וואס איז דער לב פון די טייטלבוים, און די לב ווייזט אויף תמימות, אזוי ווי עס שטייט אֶתְהַלֵּךְ בְּתָם לְבָבִי, (תהלים קא ב) און לולב איז דאך די ווערטער לוֹ לֵב, דאס איז תמימות, כנגד דער תַּם, און כנגד דער מי שאינו יודע לשאול נעמט מען די הֲדַס, ווייל עס שטייט אין ספר ברכי יוסף פון הייליגן חיד"א אין שיורי ברכה (או"ח סי' ש') בשם דעם רשב"א ז"ל דער טעם פארוואס מאכט מען א ברכה אויף די הֲדַס, ווייל פאר מען רייבט דאס האט מען נישט הנאה פון דעם ריח, און נאכן רייבן דארף מען מאכן א ברכה אויף די הנאת הריח, און דאס איז דער שאינו יודע לשאול וואס מען דארף אים רייבן און אריין לייגן אין אים און ער וועט שפעטער שמעקן גוט. (ויקח אברהם, ר' אברהם קורקידי, איזמיר תרמ"ג)

 הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

**פרקי אבות פרק ד' זיין צופרידן מיט וואס מען האט**

אֵיזֶהוּ עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (תהלים קכח, ב) יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל, אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ: (אבות ד א) צו פארשטיין וואס מיינט בְּחֶלְקוֹ? און פארוואס איז נישט שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ נישט א עשיר ווען ער האט אסאך געלט? נאר חֶלְקוֹ מיינט ער האט גענוג וואס ער דארף און האט צייט צו לערנען, און דינען דעם אויבערשטן, אבער אויב מען טראכט אז מען דארף מער וואס מען האט, און נישט צופרידן מיט וואס ער האט וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן, איז ער א עני אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי טו טו) כָּל יְמֵי עָנִי רָעִים, די טעג פון א ארימאן איז שטענדיג שלעכט, ווייל ער גלוסט צו האבן געלט פון יענעם, און עס שטייט אֹהֵב כֶּסֶף לֹא יִשְׂבַּע כֶּסֶף, דער וואס גלוסט צו נאך געלט וועט קיינמאל נישט זאט ווערן, אבער וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד, דער וואס איז צופרידן מיט וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן, איז פריילאך, אזוי ווי ער מאכט יעדן טאג א מִשְׁתֶּה, דעריבער דער עשיר איז צופרידן אז ער האט גענוג וואס ער דארף, און איז שטענדיג פריילאך, ווייל ער גלוסט נישט געלט וואס ער האט נישט. (רבינו יונה על אבות)

*מדור העובדות*

## *****דער הייליגער מגיד פון טשערנאביל זצוק"ל איז מסביר די חסדים פון אויבערשטן*****

הרה"ח ר' זלמן לעמבערגער ע"ה האט געהערט פון הר' שניאור זאב ע"ה פון שטאט בארדיטשוב, אז אין שטאט בארדיטשוב האט געוואוינט א גרויסער סוחר פון די חסידים פון הייליגן קדושת לוי מבארדיטשוב זיע"א, וואס ער פלעגט פארן יעדע שטיק צייט קיין לייפציג פאר זיין מסחר, די חָק איז געווען אז יעדן מאל וואס מען האט געוואלט פארן קיין אויסלאנד האט מען גערארפט גיין מאכן א נייע פאספארט אין שטאט זיטאמיר, דער מושל פון זיטאמיר האט געקענט גוט דעם סוחר און פלעגט אים גרינג געבן זיין פאספארט, זיי פלעגן שטענדיג כאפן א לאנגע שמועס, איין יאר ווען ער איז געקומען נעמען א פאספארט, האט דער מושל געזאגט, איך וויל דיר דערציילן א סוד, אז דער קעניג וויל זיין גוט מיט די אידן, און אזוי ווי ביז יעצט איז געווען א שאנדע צו נעמען א איד אין די ארמיי, אבער יעצט איז ער מסכים און וויל הייסן מען זאל נעמען די אידן אין די ארמיי.

דער סוחר האט אבער געוואוסט אז דאס איז נישט קיין טובה פאר די אידן זיי צו נעמען אין די ארמיי האט ער דערציילט פארן הייליגן בארדיטשובער וואס ער האט געהערט פון מושל, און דער רבי האט אים שטארק באדאנקט פארן דאס דערציילן, און ווען דער סוחר איז געקומען די אנדערע מאל נעמען א פאספארט, האט דער מושל דערציילט פארן סוחר אז דער קעניג האט חרטה געהאט און מחליט געווען אז ער וועט נישט נעמען די אידן אין ארמיי, דער סוחר האט שוין פארשטאנען אז דער הייליגער בארדיטשובער האט מבטל געמאכט די גזירה!

כל זמן דער רבי האט געלעבט האט מען נישט גענומען די אידן אין ארמיי, אבער גלייך נאכן הסתלקות איז געווארן א נייע גזירה אז מען גייט נעמען נאר יונגע אידישע קינדער און זיי אוועק כאפן פון די שטיבער, מען האט די קינדער גערופן די קאנטאניסטן, און ליידער רוב פון די קינדער זענען געווארן גויים, און אז עת צרה היא ליעקב, האבן די צדיקי הדור מחליט געווען אז מען גייט מאכן א אסיפה ביים עלצטן צדיק הדור, דער הייליגער מגיד פון טשערנאביל, פערציג צדיקים זענען געקומען אויף שבת קיין טשערנאביל, פרייטיג צונאכטס ווען דער הייליגער מגיד האט געוואלט מאכן קידוש איז אריינגעקומען א פרוי און שרייט קולות און וויינט אז מען האט צוגענומען איר בן יחיד, און די בכיות האט אנגערירט די רחמנות פון די צדיקים און אלע האבן געוויינט.

דער הייליגער טשערנאבילער מגיד איז געבליבן אין זיין דביקות, ביז די צדיקים האבן מרמז געווען פאר הרה"ק ר' משה מסלאוויטא זון פון הרה"ק רב פינחס קאריצער זיע"א, און ער האט אנגעפאנגען וויינען און זאגן הייליגער מגיד וואס דו ביזט ווי מיין הארץ, וואו זענען די חסדי ה' אז מען נעמט צו אידישע קינדער? דער מגיד האט נישט געענטפערט און ער האט געמאכט קידוש, נאך קידוש האט ער זיך געוואשן און געמאכט המוציא, און געגעסן פון די חלה, און ער איז שטיל געבליבן און א פחד האט אנגעכאפט די הייליגע צדיקים!

נאך א פאר מינוט האט דער מגיד געבראכן די שטילקייט און אנגעפאנגען צו רעדן: מיר זאגן ביי הלל יֹאמַר נָא יִשְׂרָאֵל כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: יֹאמְרוּ נָא בֵית אַהֲרֹן כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: יֹאמְרוּ נָא יִרְאֵי ה' כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:, און ווער זענען די דריי, יִשְׂרָאֵל, בֵּית אַהֲרֹן, און יִרְאֵי ה'? נאר כלל ישראל זענען צוטיילט אויף דריי כיתות, יִשְׂרָאֵל זענען די פשוטע מענטשן, בֵּית אַהֲרֹן זענען די צדיקים עובדי ה', און יִרְאֵי ה זענען די גרויסע צדיקי הדור, איז פשט איז אזוי: יֹאמַר נָא יִשְׂרָאֵל, די פשוטע מענטשן, זאלן זאגן כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ, זיי זאלן זעהן אז אלעס וואס דער אויבערשטער טוט איז דאס א חסד פאר זיי, אבער אויב זיי זענען נישט ביי די מדריגה צו זעהן די חסדים, עכ"פ יֹאמְרוּ נָא בֵית אַהֲרֹן, אבער די צדיקים עובדי ה' זיי זענען זוכה צו זעהן כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ, אבער אויב די צדיקים זענען אויך נישט ראוי צו זעהן די חסדים, און דער אויבערשטער באהאלט אויך פון זיי צו זעהן אז די גזירה זענען חסדים, און זיי מיינען אז דאס וואס איז געשען זענען גזירות פון מדת הדין, עכ"פ יֹאמְרוּ נָא יִרְאֵי ה', די צדיקים, די גדולי הדור, זיי זעהען יא אז כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ, אז אלע גזירות זענען חסדים.

האט אויסגעפירט דער הייליגער מגיד פון טשערנאביל: וואס זאל איך טאהן אז איך זעה יא אז די גזירה איז א גרויסע חסד פאר כלל ישראל, און איך בין פון די צדיקי הדור, און פון הימל האט מען מיר געוויזן די חסדים, מיט דעם האט דער מגיד געענדיגט, און ווייטער געפירט א פרייליכן שבת, און די פערציג צדיקים האבן שוין אלעם פארשטאנען. (סיפורי נפלאות מגדולי ישראל בעקמייסטער)

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

ספר עם חתימת רבי עקיבא איגר $18000 מכתב ברכת השנה בעל דברי יואל $10000 ייטב לב דפו"ר עם כל השערים $1500 תשובה של החתם סופר עם חתימה, ספר עם חתימת השל"ה הק', ספר מרכבת המשנה עם הגהה מרבי עקיבא איגר $6500, מכתב ר' יונתן שטייף מבקש עזרה מר' יעקב רוזנהיים לקבל היתר יציאה מפעסט תש"א $1500 סעט שפתי צדיק פיליץ נדיר $1500 ג חתימות על דף של האמרי אמת מגור $1500 אמרי אלימלך דפו"ר גראדזיסק שייך להרה"ק ר' משה מסטאלין $3000 שו"ע חו"מ ח"א סלאוויטא רב משה $3400 שו"ע יו"ד ח"ב סלאוויטא $3200 אור המאיר עם הקדשת ר' מאיר שפירא $1000, תהלים בן ביתי דפו"ר $1500, תהלים זיטאמיר מצודות $24000 תהלים זיטאמיר מהסידור $6000 מכתב מישיבת קאמינעץ תש"ט ע"י הגאון ר' ראובן גרוזובסקי ור' נפתלי זאב לייבאוויץ $1200 ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750, ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מניישטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר שנתן ובירך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהרי"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים עם הקדשות ארוכות של אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת קרן לדוד $2800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה ור' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעבנאוו $3500 מיר האבן א רשימה פון אונזערע ספרים 4403 - 16 Ave Brooklyn, **NY 11204 USA ~ 718**

**- 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store. check out our website *www.seforimworld.com***

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש און אלטע געלט,